בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ה' | תולדות | כ"ז חשון | תשע"ב | פסחים: קי"ד:

# באריכט:

## מסיבת "שקלי הקודש" בביתו נאוה קודש אין קרית יואל

נעכטן נאכט איז בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א אויף אוהעל קט. אין קרית יואל פאהרגעקומען א אייגענארטיגע "מסיבת שקלי קודש" לטובת די בנין מקוה טהרה החדש אין וויליאמסבורג ספעציעל געאייגענט פאר אברכים צעירים תושבי קרית יואל, ווי הגה"צ אב"ד דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א האט אויפגעטרעטן און מרן רבינו שליט"א האט זיך דערביי פערזענליך באטייליגט און משמיע געווען דברות קודש.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה - סניף ברך משה ווי דער רבי שליט"א האט געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

೫•೩

## פילצאליגע אנשי שלומינו וועלן שטראמען צום וויליאמסבורג'ער מסיבה רבתי לטובת "קופת אבני חסד" בביהמ"ד הג' דינסטאג פ' ויצא הבעל"ט

עס איז ערווארטעט א שטראם פון פילצאליגע אנ"ש פון איבער גאנץ וויליאמסבורג, צום מסיבה רבתי געווידמעט לטובת "קופת אבני חסד", וואס וועט פארקומען אין ביהמ"ד המפואר שע"י קהלתינו הק' 13 הופער סטריט, קומענדיגן דינסטאג פר' ויצא הבעל"ט, אנגעהויבן פון 6:00 אוונט ביז חצות הלילה.

כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכער איז דער פטרון הקופה, וועט אנוועזנד זיין די מסיבה אין זיין חדר הפרטי נעבן ביהמ"ד, וואו ער וועט אויפנעמען דעם ציבור נדיבי לב, וועלכע וועלן זיך משתתף זיין מיטן סכום פון $250, דער זכות פון "כתר מלכות בשותפות".

די משתתפים וועלכע וועלן זיך אנרופן צום קאמפיין פון זכות "כתר מלכות בשותפות", וועלן ארייגיין אין א גורל אויף א הערליך איינגעפרעימטע י"ב מצה, וואס מרן רבינו שליט"א האט גענוצט פאראנגענעם שבת חוה"מ פסח העעל"ט.

אויסער דעם גורל וועט זיין א פאסיגע מתנה פאר אלע משתתפים צוגלייך, דער נייער קונטרס חידושי תורה ימים נוראים תשע"ב, פון רבי'ן שליט"א, די הערליכע דברי תורה דרוש ואגדה און דרשות

התעוררות חוצבים להבות אש, פון פאראגאנגענעם חודש תשרי העעל"ט.

דער קונטרס ערשיינט איצט פון דרוק ספעציעל צום מסיבה רבתי אין וויליאמסבורג, און וועט פארטיילט ווערן אומזיסט פאר אלע משתתפים. ווי פארשטענדליך איז דאס א גינסטיגע געלעגנהייט זיך איינצוהאנדלען דעם קונטרס, וועלכע איז נישט פאראן צו באקומען אין די געשעפטן, און אינהאלטעט אין זיך אן אוצר בלום פון בליציגע חידושי תורה, דברי דרוש ואגדה, באגלייט מיט זיקוקין דנורא, ווארימע דברי מוסר והתעוררות צו יר"ש תשובה ומעשים טובים.

***-בואו כולכם תושבי וויליאמסבורג***
***למסיבה רבתי לטובת "קופת אבני חסד"***
***ג' ויצא הבעל"ט-***

☙•❧

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**